## קטע מדברות קודש מלהבות אש

# מאת כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

אצל סעודת ל"ג בעומר בביהמ"ד הגדול דקיט"ל דסאטמאר - ראדני סט.

## אודות חיוב השתתפות אצל הכינוס כלל ישראל להצלת הדורות

סאיז דא נאך א גלות, די דריטע גלות איז די גלות פון יעדן ביי זיך אליין. דער רבי זי"ע שרייבט אין א בריוו, ס'איז ידוע א באקאנטע בריוו וואס דער רבי האט געשריבן ווען מהאט אים געוואלט אויפנעמען פאר רב אין ירושלים עיה"ק, אז ער האט אויפגעשטעלט א קהלה - ער שרייבט דארט א אינטערסאנטע לשון - **א קהלה אזוי ווי אין סאטמאר און אזוי ווי אין מאה שערים, דאס טייטש ער האט אויפגעשטעלט א קהלה וואס זאל זיין מופרש ומובדל, סאיז טאקע אין אמעריקא אבער ס'זאל נישט זיין אין אמעריקא**, א קהלה וואס דארף זיין מופרש ומובדל פונעם זרם העולם, און פון אלע זרמים וואס איז דא אויף דער וועלט וואס איז נישט עפ"י תורה, אזוי ווי מיר זענען טאקע נתחנך געווארן אז פון דעם דארפן מיר זיין מופרש ומובדל.

### ואבדיל אתכם מכל העמים

ליידער א חלק פון די נסיונות פון עקבתא דמשיחא וואס עס איז דא היינט א גרויסע התגברות פון די כוחות הטומאה, ווי דער תוספות יו"ט זאגט אז פון די עשרה ניסים שנעשה איז געווען שלא ראה כהן גדול קרי מימיו, דער נס איז געווען ווייל דארט איז געווען א געוואלדיגער התגברות וואס דער שטן האט זיך פארלייגט. **מ'שטייט בעקבתא דמשיחא פארלייגט זיך א געוואלדיגער התגברות השטן וואס וויל צוברעכן די הבדלה בין קודש לחול ובין טהור לטמא ובין ישראל לעמים. די אלע כלים, נישט קיין חילוק בכל חניכי דאית ליה, טעלעפאנען פון אלע מיני אופנים**, ליידער ליידער, איך ווייס נישט וויפיל פראצענט פון אונזער קהלה קען זאגן אז זיי זענען מקיים אמת'דיג דעם ואבדיל אתכם מכל העמים, דאס וואס דער רבי זי"ע האט אוועקגעשטעלט עס זאל זיין א הבדלה צו זיין אפגעשיידט פונעם זרם העולם.

ס'איז ידוע אז עס רייסט אויס אויף פארשידענע אופנים די אמונה אין אידישע קינדער, יעדער זיק קדוש, יעדער געפיל פון מקיים זיין א מצוה, **איך רעד שוין נישט די טומאה וזוהמה דערפון, נאר סתם די אלע ליצנות'ער פארברענגעריי וואס ס'איז דא**, און פארשידענע אנדערע זאכן פון וואס ער איז נישט מופרש ומובדל, **ער איז נישטא, סאיז נישט אמת ער איז נישטא!** ער האט צובראכן די הבדלה וואס דער רבי זי"ע האט אוועקגעשטעלט פאר זיין קהלה צו זיין מופרש ומובדל פון די וועלט, איינער וואס האט איינע פון די כלים וואס איז אפען, צו איינע פון די אלע מינים האט ער זיך געעפענט (צו די גוי'אישע גאס)... ער דארף אריינטראכטן וואס מ'האמיר פריער געשמועסט, דעם ושבתי בשלום אל בית אבי, צו ס'איז נישט אפגעהאקט דעם קשר וואס דער רבי זי"ע האט אוועקגעשטעלט, אין א בחינה פון מה לך פה ומי לך פה, וואס וועט שוין קענען ארויסקומען פאר אונזערע דורות אויף שפעטער, מ'זעמיר יעצט אינעם לעצטן גלות, והרבה עמו פדות די גלות פאר זיך אליין דארף זיין והרבה עמו פדות (למעלה דיבר רבינו בענין ג' גליות הא' הוא גלות אצל הגוים, ע"ז הכ' אומר ושמתי פדות בין עמי ובין עמך, גלות השני הוא גלות אצל זרע ישראל ועל זה כתוב פדות שלח לעמו, גלות השלישי היא גלות אצל עצמו וע"ז נאמר והרבה עמו פדות), כ'האב אינזין געהאט פדות איז טאקע טייטש אויסלייזן, אבער ביי ושמתי פדות בין עמי ובין עמיך זאגט רש"י הבדלה, פדות איז טייטש הבדלה, ושמתי פדות בין עמי ובין עמיך איז א הבדלה צווישן די אידן אין די מצריים, די זעלבע ביי אונז, די לשון פדות איז טייטש פדות שלח לעמו פון די טומאה פון עול הגליות ביי זרע ישראל דארף אויך זיין א בחינה פון והבדיל, ביי זיך אליין איז אויך די זעלבע בחינה, והרבה עמו פדות דארף זיין א מורא'דיגע ענין פון פדות און והבדיל איז טייטש אז סאיז גארנישט אפן, אויב איז עפעס אפן איז עס נישט קיין והבדיל און ס'איז נישט קיין והרבה עמו פדות.

...מהאט אסאך אריינגעטראכט דערין, בית דין איז געזעצן און מ'האט שוקל געווען, סאיז דא עסקנים וואס איך קען זאגן, איך לעב מיט מיט די עסקנים שוין אסאך יארן, וואס ס'טוט זיי באמת וויי און זיי האבן געטון פעולות און זיי האבן אריינגעטראכט צו טון אזא מין אופן אזא מין אופן, **אסאך האבן שוין גערעדט אבער סאיז נישט געקומען לידי מעשה, מ'האט געזען אז ס'איז א מורא'דיגע התגברות היצר, ס'איז דא עסקנים וואס פרובירן שוין יארן לאנג פארשידענע פעולות אבער סהאט נישט געהאלפן, סיי לגבי אינטערנעט סיי לגבי דעם ענין פון טעלעפאנען.**

דרך אגב מוז איך זאגן באמת א מורא'דיגער חיזוק, **כ'בין געווען די וואך אין כולל מ'האט גערעדט מיט די יונגעלייט און א גרויסער חלק פונעם כולל מיט וועם מ'האט גערעדט האבן זיך געטוישט טעלעפאנען און גענומען טעלעפאנען וואס האט גארנישט נאר טעלעפאן אפי' נישט קיין מעסעדזשעס, גארנישט!** און באמת וואס דארף מען האבן א טעלעפאן, וואס איך גדענק, איז צו קענען רעדן איינער צום צווייטן אז מדארף עפעס האבן מער פון דעם איז נאר געמאכט אריינצושלעפן אין די פראבלעמען, א גרויס חלק פון כולל האט איינגעטוישט טעלעפאנען, ברוך ה' אז ס'איז דא אן התעוררות צווישן די יונגעלייט, און מ'זוכט טאקע צו קענען האבן דעם ריכטיגן ואבדיל אתכם מכל העמים

**מ'איז געזעצן און געטראכט, ס'ברענט דא א מורא'דיגען פייער, דער פייער איז מכלה עס פארלענדעט, יעדן טאג פאלן קרבנות אין די מלחמה, נישט יעדער איינער ווייסט און נישט יעדער האלט מיט, ווייל קיינער קומט נישט ארויס אזוי ברבים, אבער די וואס זענען קרובים אל החלל ווייסן יא, און די דיינים און אידן וואס זענען עוסק בצרכי ציבור זען טאג נאך טאג דער רבים חללים הפילה ווי עס פאלן שטיקער** פונעם כלל ישראל, דער שטן איז נישט מבחין צווישן יונג און אלט.

## אדם נפעל לפי פעולותיו

די עסקנים האבן מסדר געווען מ'זאל זיך צוזאמקומען אינאיינעם, מיט א חשבון ווי דער חינוך זאגט וואס איז דער טעם אז מ'איז אזויפיל מרבה בסיפור יציאת מצרים ווייל אדם נפעל לפי פעולותיו א מענטש וואס טוט פעולות ברענגט אריין אן התפעלות אין זיך, די זעלבע זאך קען ער טון און נישט דערהערן אבער ווען ער האט דאס געטון מיט א שטערקערע התעוררות מיט א שטערקערע פעולה ברענגט עס אים אן התפעלות. האבן זיי געהאט א חשבון אז מ'וועט צוזאמנעמען א ריזיגן ציבור פונעם כלל ישראל מ'זאל זיך צוזאמנעמען וועט דאס עושה רושם זיין אויף יעדעם איינעם אז דער מענטש זאל זיך אויפוועקן 'עורי ישינים משינתכם והקיצו נרדמים מתרדמכם'.

## ותשועה ברוב יועץ

...מ'איז געזעצן און מ'האט דן געווען, סאיז דא זאכן וואס לדידן הוה מומא ולדידהו לא הוה מומא, סיי אינעם קום ועשה און סיי אין שב ואל תעשה, סיי אזאנע זאכן וואס זיי האבן יא געטון לדידהו לא הוה מומא אבער לדידן הוה מומא, און סיי פונקט פארקערט, סאיז דא זאכן וואס לדידן הוה מומא אז עס ווערט נישט ארויסגעברענגט, אבער לדידהו לא הוה מומא אז עס ווערט נישט ארויסגעברענגט, האט מען דן געווען צו קענען זיך משתתף זיין אין דעם כינוס, איז געווען א גרויסער דגוש צו זעהן אז עס זאל קענען זיין אויסגעהאלטן אז אפי' די זאכן וואס לדידן הוה מומא, זאל נישט זיין קיין פראבלעם, און אויף דעם ארויף איז געווען דער בריוו וואס איז ארויסגעקומען, וואס איז געווען געשריבן אזוי ווי מ'האט געזעהן, ווייל מ'האמיר געוואלט זעהן וואס וועט זיין דער פועל יוצא וואס וועט ארויסקומען, למעשה פרובירן זיך די עסקנים צוצושטעלן אויף אזא מין אופן ס'זאל קענען שטימען אז ס'זאל נישט זיין כנגד דאס וואס מיר האבן מקבל געווען.

"לדעתי, איך קען נישט זאגן פאר קיין אנדערן איך זאג פאר מיר, לדעתי, יעדער איינער וואס עס שפירט אז ער וויל האבן א חלק, עס קען זיין אביסל א בחינה ווי א תשובת המשקל, יעדער וואס איז געווען שטיל די גאנצע צייט ווען מ'האט נישט געטון פעולות, דארף מען אפשר טון א תשובת המשקל אויף די אלע זמנים וואס אפילו מ'האט פארשטאנען אז די זאך טויג נישט, אבער עכ"פ ברבים איז נישט געטון געווארן די ריכטיגע פעולות מען שעמט זיך נישט ארויסצונעמען א טעלעפאן מיט אינטערנעט אין ביהמ"ד, קיינער שעמט זיך נישט ער האט נישט קיין מורא אז איינער וועט אים זאגן היתכן, און מיט דעם וואס מ'וועט זיך יא משתתף זיין און מ'וועט אהינגיין, גיט עס חיזוק פאר די עסקנים, זיי זענען שוין געווען ביי מיר צענדליגער צענדליגער מאל אין די לעצטע פאר יאר אלץ מיט פארשידענע מיני אופנים און אריינגעטראכט פארשידענע וועגן וויאזוי מען קען עפעס אויפטון די מגיפה זאל זיין נעצרה,

**מיין איך אז עס איז א זכי' פאר א איד וואס קען זיך משתתף זיין און מסייע זיין צוצוהעלפן אז עס זאל דערהערט ווערן און דערשפירט ווערן ביים כלל ישראל דער**

# גרויסער פגם און די גרויסע מגיפה וואס ליגט אין די אלע כלים!

און ממילא וועט אויך נתעורר ווערן, אז עס איז דא וועגן און ס'איז דא פעולות וואס מ'קען טון מעורר צו זיין אידן זיי זאלן דאס איינגאנצן נישט נוצן, ווייל איך מיין אז ווען מ'רעדט לגבי די טעלעפאנען איז מן הסתם 99 פראצענט מענטשן דארפן נישט האבן מער ווי א טעלעפאן און העכסטנס מעסעדזשעס, חוץ פון דעם איז זיך נאר צו עפענען און צעברעכן די הבדלה וואס איז דא בין ישראל לעמים ובין קודש לחול ובין טהרה לטומאה, אבער אפי' דער וואס דארף יא האבן דארף מען דא נתעורר ווערן (צו זיין אפגעהיטן), און אז מ'וועט טון וועט מען טאקע נתעורר ווערן, ס'איז קיין שום ספק נישט אז ווען ס'קומט זיך צוזאם א כח הרבים וועט מען דאס קענען אויפטון.

## בכח הרבים דעדיפי טפי

ס'האט מיר איינער געזאגט אז ווען דער צעהלימער רב ז"ל איז געקומען קיין אמעריקא און אנגעהויבן צו מאכן כשר'ע מילך מיט כשר פלייש, האט מען אים אפגעלאכט און חוזק געמאכט אז ער מאכט אין אמעריקא גלאט כשר מיט חלב ישראל, ס'האט אויסגעזען ווי על מנת שתעלה לרקיע עס קען אין אמעריקא אזא זאך נישט זיין, למעשה איז געווארן די כשרות'דיגע פראדוקטן די אויבערשטע פון שטייסל, פארוואס ווייל סאיז געקומען מיט א רבים, מיט א כח הרבים האט מען מהפך געווען הקערה על פיה.

**אז מ'וועט צוזאמנעמען א כח פון אלע אידן אינאיינעם, יעדער איינער וועט דערשפירן אז דא ברענט א מורא'דיגן פייער וואס איז מכלה מנפש ועד בשר, ס'איז מכלה און ס'רייסט אויס נשמות פון אידישע קינדער וועט זיכער נתעורר ווערן דעם תיקון בגשמיות און אוודאי ברוחניות, אז עס טוט וויי און מ'וועט דורכדעם נתעורר ווערן צו טון פעולות און וועגן אז עס זאל קענען זיין א בחינה פון א שמירה פאר זיך און פאר די קינדער ס'זאל זיין ושבתי בשלום אל בית אבי שלא אלמד ממעשי לבן, ס'זאל זיין והי' ה' לי לאלוקים שלא ימצא פסול בזרעי מ'זאל קענען מגדל זיין אפי' אין די גרויסע כוחות הטומאה, וועט מען האבן א כח זיך צו קענען האלטן בקדושה וטהרה און קענען מגדל זיין דורות, און זיין ראוי אז עס זאל מקויים ווערן די ברכה פון רבי שמעון בר יוחאי 'כי לא תשכח מפי זרעו' ס'זאל נישט זיין קיין שכחת התורה.**

דער אויבערשטער זאל העלפן 'תורתו מגן לנו היא מאירת עינינו היא ימליץ טוב בעדינו' מיר זאלן זוכה זיין צו די ריכטיגע 'שמן ששון מחבריך' מ'זאל קענען אויפגעהויבן ווערן פון די אומות העולם, בהתרוממות קרן התורה וישראל בהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.